## ווערט אונטערזוכט פאר

# קאלארעקטעל קענסער

עס איז דא מער ווי איין וועג זיך אונטערצוזוכן פאר קאלארעקטעל קענסער. רעדט צו אייער העלט קעיר.

**סיי וועלכע טעסט איר קלויבט, איז ווערן אונטערזוכט די ריכטיגע אויסוואל.**

**אלע מענטשן 45 יאר און עלטער זאלן זיך אונטערזוכן פאר קאלארעקטעל קענסער.**

## נישט געדעקט?

אויב איר האט נישט דעקונג, קענט איר נאך אלץ ווערן געסקרינט. די ניו יארק סטעיט קענסער (Cancer Services Program) סערוויסעס פראגראם טוט פארשלאגן אימזיסטע קאלערעקטעל קענסער סקרינינג פאר בארעכטיגטע, אומגעדעקטע ניו יארק סטעיט איינוואוינער אין יעדער קאונטי אדער בארא.

פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע קענסער סערוויסעס פראגראם אדער רופט **1-866-442-2262** צו טרעפן א פראגראם נעבן אייך.

איר זאלט אויך טראכטן וועגן זיך איינשרייבן אין א העלט פלאן דורך די ניו יארק סטעיט פון העלט. פאר מער אינפארמאציע רופט די הילף ליניע אויף **855.355.577** אדער באזוכט: **nystateofhealth.ny.gov**

א פראגראם פון די דעפארטמענט אוו העלט

# סארטן פון
# קעקרטעיל נקיעננסעגר
# סקרינינג טעסטס

## אינדערהיים סטאל טעסטס

- עס זענען דא 3 סארטן אינדערהיים טעסטס: **פיקעל אימיונאקעמיקל טעסט (FIT), FIT-DNA טעסט (אדער סטאל DNA טעסט) אדער פיקעל אקאלט בלוט טעסט (FOBT)**
- איר קענט טון די טעססטס אינדערהיים און שיקן סטאל ביישפילן צו א דאקטאר׳ס אפיס אדער לעב.
- די טעססטס קענען ווייזן אויב עס איז דא בלוט אין אייער סטאל.
- אויב בלוט ווערט געטראפן, וועט איר דארפן האבן א **קאלאנאסקאפי** צו טראפן די אורזאך פון די בלוטונג.
- די טעססטס זענען פארזיכערט און גרינג צו טון. קיין צייט אראפ פון ארבעט איז נישט נויטיג.
- **FIT** און **FOBT** ווערן געטון איין מאל א יאר. **FIT-DNA** ווערט געטון איינמאל אין דריי יאר.

## קאלאנאסקאפי

- א קאלאנאסקאפי ווערט געטון אין א דאקטאר׳ס אפיס אדער אנדערע מעדיקעל פלאץ.
- דער דאקטאר קוקט פאר געוואוקסן (פאליפס) אדער קענסער אין די רעקטום און קאלאן.
- סיי וועלכע פאליפס געפינען דורכאויס די טעסט קען מען ארויסנעמען. דאס טוט העלפן פארמיידן קענסער.
- איר וועט געגעבן ווערן מעדעצין אייך צו מאכן מער באקוועם אדער אייך צו לייגן שלאפן דורכאויס די טעסט.
- אויב די אויסגאנג פון די טעסט זענען נארמאל, קען א קאלאנאסקאפי ווערן געמאכט איין מאל יעדע 10 יאר. אויב נישט, קען אייער דאקטאר אייך זאגן ווען איר זאלט האבן די נעקסטע טעסט.

## פלעקסיבל סיגמוידאסקאפי

- א פלעקסיבל סיגמוידאסקאפי ווערט געטון אין א דאקטאר׳ס אפיס אדער אנדערע מעדיקעל פלאץ.
- די דאקטאר טוט אונטערזוכן פאר געוואוקסן (פאליפס) אדער קענסער אין די רעקטום און אונטערשטע טייל פון די קאלאן.
- די אונטערזוכונג ווערט געמאכט יעדע פינף יאר, אדער יעדע 10 יאר מיט א FIT יעדע יאר.

## האט איר געוואוסט...

- קאלארעקטעל קענסער איז די #2 סיבה פון קענסער טויט, אבער עס מוז נישט זיין אזוי.
- סקרינינג אונטערזוכן קענען טרעפן קאלארעקטעל קענסער פרי ווען טריעטמענט קען ארבעטן די בעסטע.
- אונטערזוכונגען קענען טרעפן געוואוקסן ( פאליפס( וואס קענען ווערן ארויסגענומען פאר זיי טוישן זיך צו קענסער.
- קאלארעקטעל קענסער אדער פאליפס מוזן נישט פאראורזאכן סימפטאמען, ספעציעל פון אנהויב אן.ווארט נישט פאר סימפטאמען איידער איר ווערט אונטערזוכט.

**רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער און קלויבט די אונטערזוכונג וואס איז ריכטיג פאר אייך.**